STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02403

MAYN PEN

Clara Myers Dubin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קלערען מייערס דלבין

אין פאן

לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע
1963
100

געווידמעט מיינע טייערע קינדער:

ר ח ל

א ל י ש ע

נ ע מ י

ווערטער זיינען זאַכן;
און אַ קליינער
טראָפּן טינט,
פאַלנדיק ווי טוי
אויף אַ געדאַנק,
שאַפט עס דאָס,
וואָס מאַכט טויזנטער,
מעגלעך מיליאָנען —
צו דענקען.

(בייראָן)



מיין כוונה ביים שרייבן איז ניט צו שפּילן זיך מיט ווערטער. דאָס שרייבן איז ביי מיר אַן אויסדרוק פון מיינע געדאַנקען און געפילן, פון מיין אינדיווידועלן צוגאַנג צו יידישע און אוניווערסאַלע ענינים.

אַ צאָל פון מיינע שריפטן זיינען געווען געדרוקט אין פאַרשידענע צייטונגען: „קאַליפאָרניע יידישע שטימע", „לאָס אַנדזשעלעס מיראָר-ניוס", „איוונינג אַוטלוק", „בעי סיטי סטאַר", „אַנטי-דעפעמיישאָן ליעג בולעטין" און „גאַרמענט וואָירקער".

אינהאַלט

פּאָעזיע:

דער קאַנאַריק 7
אונדזער זיידע 8
מוטער ערד 9
א תפילה 10
ים־ליד 11
תפילה־לאָזיקייט 12
ניי־יאָר 13
א געבעט 14
ניי־יאָר 15
מדינת ישראל 16
דער חלוץ 17
די קינדער־שיף 18
דער נגב 19
אַ דעמבן בלעטל 20
מיין ברודער, מיין פריינט 21
כוואַליעס און מענטשן 22
שטורעם 23
שיינקייט 24
דער פרילינג גייט 25

פּראָזע:

אונדזערע אייניקלעך 26
דער בלינדער בעטלער 27
די פרייד פון טיילן זיך 28
באַגריסונג צו דעם ל. א. קולטור־קלוב 29
קרבנות פון ראַדיקאַלער דערציאונג אויף דער יידישער גאס 30
אונדזער יידישע יוגנט 32
מיין אנטוישונג 33
זיי געהיט, מיין זון 35
זכרונות וועגן מיין זיידן 37

דער קאַנאַריק

אַ קאַנאַריק אין מיין צימער
דורכן פענצטער איז אַריין;
אַן איבעררעשונג פאַר מיר
פאַר אַ מאָמענט געווען.

אַהין און אַהער,
אויף טיש און אויף שטול,
איז דער קאַנאַריק
געשפרונגען, געפלויגן,
ווי ס'וואָלט עפּעס געזוכט
און ניט געקענט געפינען.

וואָס זוכסטו, ליב פייגעלע? —
האָב איך געוואָלט פרעגן.
פון וואַנען פאַרפלויגן?
און וואוהין איז דיין וועג?

אליין זיך געענטפערט
אויף פראַגע האָב איך:
פון אַ שטייגל, צופעליק,
איז דער קאַנאַריק אַרויס,
אויף דער פרייער וועלט
זיך פלוצלונג דערפילט.

אָבער פרעמד איז געווען אים
דער ברייט-בלויער הימל:
צו לאַנג איז דער קאַנאַריק
אין שטייגל געווען.
דער חוש פאַר פרייהייט
איז געטויטעט אין אים.

צוריק, דורכן פענצטער,
איז דער קאַנאַריק אַרויס,
צו זוכן דאָס שטייגל,
וואָס איז אים ליבער געווען...

אונדזער זיידע

אַ זקן פון ניינציק,
איז אונדזער זיידע היינט.

די משפחה פאַרזאַמלט,
צו באַגריסן דעם זיידן,
און ווינטשן אים פילע יאָרן
פון געזונט און פרייד.

אַ וועג אַ לאַנגן,
באַרג-אַרויף און באַרג-אַראָפּ,
מיט פריידן און ליידן —
ווי אַ מענטשלעך לעבן בכלל.

אַ פאַמיליע דערצויגן,
ניטאָ מיט וואָס זיך צו שעמען:
צוויי זין און זיבן טעכטער,
צו גאָט און צו לייט —
ווי ער זאָגט עס אַליין.

געקומען קיין אַמעריקע,
מיט איבער פערציק יאָר צוריק —
אַ באַלעבאַטישער ייד,
און אַ סוחר דערצו.

דאָ אין אַמעריקע,
דעם שיקזאַל פון אימיגראַנט
מיט געדולד געטראָגן אויף זיך.

די לעבנס-באַגלייטערין
פאַרלוירן זייער פרי,
און מיט קליינע קינדער
געשפּאַנט דעם שווערן וועג אַליין.

אויף דער עלטער —
אין אַ היים
פאַר עלטערע מענטשן
געפינט ער זיך איצט —
צו וועבן זיין לעבן
אַזוי לאַנג ווי באַשערט...

מוטער ערד

איך האָב מיין קאָפּ
צו דער ערד געבויגט —
און אַ טיפן קרעכץ
און אַ זיפץ דערהערט.

אַ שטיל קול
פון אַ פאַרוואונדעט הארץ
האָט מיט געבעט
און פיין גערעדט:

— מיין וועלט, אָ מענטש,
פאַרראַטן האָסטו!
ניט קריג, נאָר שלום
איז מיין באַפעל;

ניט פלעקן מיין ברוסט
מיט דיין ווארעם בלוט,
האָב איך דיך
אויף דער וועלט געבראַכט!

איך בין רייך און גרוים גענוג
פאַר דעם וואוילזיין
פון דער גאַנצער וועלט!

פאַרוואָס, אָ מענטש,
קאָנסטו ניט איינטיילן
מיין רייכטום,
וואָס געהערט צו דיר?!

אַ תּפילה

הער זיך איין,
אַלמעכטיקער גאָט,
צו מיין תּפילה,
וואָס פליסט פון אַ האַרץ,
אָנגעפילט מיט פּיין.

דיינע קינדער זיינען
פון גלייכן וועג אַראָפּ,
פאַרבלענדט פון האַס
און באַהערשט פון שרעק.

גיב זיי די חכמה
פון — „לעב און לאָז לעבן".
פיל אָן זייערע הערצער
מיט מענטשלעכער ליבע.

נעם אָן מיין תּפילה,
הימלשער פאָטער,
און פאַרהיט די וועלט
פון אונטערגאַנג!

ים-ליד

פאַרוואָס איז ים
מיר אַזוי ליב?

פאַר זיין ענדלאָזער ווייטקייט,
פאַר זיין פרייען גערויש,
פאַר זיין אייביקן אומרו,
פאַר זיין זוכן, פאַר זיין סוד.

ווען דער הימל איז בלוי,
און די לופט איז מילד,
דאַן טראָגן זיך די כוואַליעס
געמיטלעך און ווייך.

אַז דער הימל איז גרוי,
און די לופט איז שאַרף,
דאַן הויבן זיך די כוואַליעס
בייז און מיט פאַרדראָס.

מיט שוים אויף זיין ברוסט,
שטורעמט דער ים,
ווי אין אַ קאַמף
מיט דער גאָטהייט אליין...

דערפאַר איז דער ים
מיר אַזוי ליב,
ווייל אין זוכן, אין אומרו,
אין שטורעם, אין מילדקייט —
געפין איך אין אים
מיין אינערלעכן וועזן.

תפילה-לאָזיקייט

עס קומען מאָמענטן
אין מענטשלעכן לעבן,
ווען אַ תפילה פאַר עפּעס
רייסט זיך צום אויסדרוק,
נאָר שטום בלייבט די תפילה
אין דער טיף פון דעם האַרץ.

די שטומקייט איז פיינלעך,
ווייל קיינמאָל
האָבן די ליפּן
אַ תפילה געזאָגט.

שווער איז דאָס געמיט פאַר די,
וואָס די תפילה איז פאַרשטיקט,
און זיי צאָלן די שטראָף
פאַר תפילה-לאָזיקייט.

נ י י - י אָ ר

נאָך אַ יאָר פאַראיבער!
אַ יאָר פון וואונטשן און האָפענונגען.
די יאָרן, זיי קייקלען זיך
ווי כוואַליעם פון ים,
און פאַרשווינדן
אין דער אייביקייט.

מיר בענקען נאָך שלום,
נאָך זיכערקייט, ברידערלעכקייט!
אָבער די מעכטיקע
זוכן מער מאַכט —
און די וועלט באָדט זיך אין בלוט.

איז דאָס שטרעבן פון מענטשן
נאָך שלום און גליק
אַ קינדערשע האָפענונג בלויז?

ווידער אַ ניי יאָר!
מיר ווינטשן און האָפן
אויף אַ שענערער
און בעסערער וועלט!

וועט דער ליכטיקער חלום
ווען עס איז פאַרווירקלעכט ווערן?

אַ געבעט

הער זיך צו, מיין פאָלק,
צו דער שטימע
פון אַ פליכטלינג-קינד:
דער וועלט-אומגליק
פון נאַציזם מאָרד,
האָט מיך געלאָזט
אַליין אין דער וועלט.

ניט פרייד, נאָר ליידן,
ניט געזאַנג, נאָר טרערן
האָבן מיין לעבן אָנגעפילט;
אליין אין דער וועלט געבליבן!

גיב מיר אַ מאַמעס ליבע!
גיב מיר אַ זיכערע היים!
לאָז מיך האָבן
מיין קינדהייט,
איידער איך ווער אַלט!

נ י י - י אָ ר

די באַנייאונג פון דער נאַטור
ווידערהאָלט זיך יעדן יאָר.

דורות בייטן זיך:
דער עלטער דור
מאַכט פּלאַץ פאַרן יונגן.

אַ ניי יאָר קומט אָן
און ברענגט מיט זיך
נייע וואונטשן און האָפענונגען.

דער ציקל פון לעבן
דרייט זיך
און פאַרכישופט מיט גלויבן
אין דעם קאָלירפולן רעגנבויגן.

מדינת ישראל

א ליכטיקער שטערן
אויף דעם פינצטערן הימל
האָט זיך פייערלעך אַנטפּלעקט,
און די ליידנדע יידישע וועלט
מיט וואַרעמע שטראַלן באַלויכטן.

א היילונג פאַר די פיינלעכע וואונדן,
פאַר דעם גרויזאַמען חורבן.

פרייד, ווירדע און שטאָלץ
האָט זיך דערוועקט
ביי דעם פאָלק ישראל.

צום מזרח, צום אַלטן,
האָט דאָס פאָלק
זיך געלאָזט גיין.
איבער ימים און לענדער,
צום לאַנד פון די אבות.

באַנייען און אויפלעבן
דאָס אייגענע לאַנד,
און מיט דעם שוויים
פון זיין שטערן
עסן דאָס ברויט,
וואָס וועט באַדעקן
די פעלדער.

דער חלוץ

װער לעבט אויף
דאָס לאַנד פון ישראל? —
דער חלוץ, װאָס טרוימט,
אַקערט און זייט,
פאַרטיידיקט און װאַכט!

ער איז דער בויער
פון אַ נייַ ייִדיש לעבן,
באַגרינדעט אויף אַרבעט,
געװידמעט צו שטאָלץ.

ער איז דער כּוח
פון ייִדישן ישוב,
װאָס לעבט און בליט
אין לאַנד פון ישראל!

די קינדער-שיף

עס טראָגט זיך אַ שיף
צום ברעג פון חיפה;
אַ שיף פול מיט טרערן און פּיין.
אין אַן אינדזל פון רעטונג
האָט זי זיך פאַרוואַנדלט,
אין אַ וועלט פון פייער און בלוט.

פון דער ברענענדיקער וועלט
קינדער געזאַמלט —
אומגליקלעכע יידישע קינדער.
זייער יאָמער-געוויין האָט
דעם רויש פון די כוואַליעס פאַרשטילט.

די היימען פאַרניכטעט,
טאַטע-מאַמע פאַרשוואונדן
פון דער נאַצישער האַנט,
אָדער אין געפאַנג.

די קינדער —
ניט קלאָר איז זיי
אַלעם אַרום . . .
פאַרוואָס? —
אין די קינדערשע מוחות
קיין ענטפער ניטאָ!

פאַרוואָס? אָ, פאַרוואָס? —
גרויסע — געזינדיקט —
קליינע — באַשטראָפט! . . .

און עס טראָגט זיך די שיף
מיט אַ גלויבן אַ טיפן:
בויען אַ צוקונפט
פאַר דעם יידישן קינד.

דער נגב

פאַרלאָזט און פאַרטריקנט
איז דער נגב געלעגן
צוויי טויזנט יאָר;
קיין מענטשלעכע האַנט
האָט דעם באָדן באַרירט.

די מדבר־זון האָט די ערד געברענט,
שטורמישע ווינטן
האָבן פריי געהילכט,
און נאָמאַדן אויף קעמלען
איבער די זאַמדן געשפּאַנט.

געדולדיק האָט דער נגב
אויף זיין פאָלק געוואַרט —
וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט
איבער גאָר דער וועלט.

און דער נגב האָט זיך דערוואַרט!
דאָס פאָלק איז געקומען
פון די פיר עקן וועלט;
צעגראָבן און באַוואַסערט,
פאַרזייט און צעגרינט.

די יידישע האַנט,
דער שוויים און דאָס ליד,
האָבן געמאַכט דעם נגב בליען,
און דאָס יידישע האַרץ
געמאַכט קלאַפּן
מיט שטאָלץ און מיט פרייד.

אַ דעמבן בלעטל

אַ דעמבן בלעטל האָט זיך אָפּגעריסן פון אייגענעם צווייג און איז פאַרטריבן געוואָרן אויף די פעלדער פון קאַלטע און בייזע ווינטן. פאַרטריקנט, פאַרוועלקט פון היץ, קעלט און אומוואַנדערן, האָט דאָס בלעטל זיך צוגעקייקלט צום שוואַרצן ים.

ביים ברעג פון ים איז אַ יונגע טשינאַרא געוואַקסן. די ווינטן שעפּטשען זיך מיט איר און צערטלען אירע צווייגן. פויגלען טאַנצן און זינגען לויב-געזאַנגען פאַר דער ים-פּרינצעסין.

דאָס וואַנדער-בלעטל האָט זיך צוגעטוליעט צום וואָרצל פון דער טשינאַרא און מיט טרערן און בענקשאַפט געבעטן פאַר זיך שוץ כאָטש אויף אַ ווייל.

— איך בין אַן אָרעם דעמבן בלעטל, איך בין געוואַקסן און זיך אויסגעהאָדעוועט אין מיין גרויזאַמען לאַנד. אליין, אָן אַ ציל, טראָג איך זיך שוין לאַנג פאַרטריקנט, פאַרוועלקט, אָן שוץ און אָן אַ שאָטן. נעם מיך אריין צווישן דיינע גרינע פרישע בלעטער — פיל מעשיות מיט חכמה און וואונדער האָב איך צו דערציילן.

— צו וואָס דאַרף איך דיך? — ענטפערט די יונגע טשינאַרא — דו ביסט אומריין און געל און צו מיינע פרישע בלעטער ניט קיין גלייכן. דו האָסט אַ סך זאַכן צו דערציילן? — ווער דאַרף דיינע מעשיות? איך בין שוין מיד צו הערן אפילו דאָס געזאַנג פון די פייגל . . .

געליבט פון דער זון — בלי איך; מיינע צווייגן פאַרשפּרייטן זיך אין דעם רוים, אונטערן הימל, און די כוואַליעס פון ים באַוואַסערן מיינע וואָרצלען. גיי זיך ווייטער, וואַנדער, איך וויל דיך ניט קענען!

(פון רוסיש — לערמאָנטאָוו)

מיין ברודער, מיין פריינט

מידער אוןליידנדער ברודער,
ווער זאָלסט ניט זיין —
זיי ניט באַטריבט!
זאָל אומרעכט און פאַלשקייט
באַהערשן די וועלט,
זאָל זיך גיסן אומשולדיק בלוט —
גלויב, עס וועט קומען אַ צייט,
פאַרשווינדן וועט האַס,
און ליבע וועט פאַרנעמען זיין אָרט.

ניט מיט דערנער-קראַנץ,
ניט מיט שקלאַפן-קייטן
אויף די הענט,
נאָר מיט פרייהייט,
פרייד און גליק,
וועט זי באַלויכטן
דעם מענטשנס וועג.

עס וועט קיין טרערן און תליות
אויף דער וועלט מער ניט זיין!
אַ, מיין פריינט,
עס איז קיין חלום!
דער ליכטיקער גליקלעכער טאָג,
איז ניט אַ קינדערשע האָפענונג בלויז!

קוק זיך אַרום:
עס דערגרייכט שוין די ברעגן.
די נויט אַזוי גרוים,
די נאַכט אַזוי שוואַרץ . . .

מיד וועט דער מענטש ווערן
פון פיין און פון קריג,
דערטרונקען אין זיין אייגענעם בלוט.

דאַן וועט די וועלט
מיט חרטה-געבעט
די אויגן אויפהויבן
צום אייביקן גייסט
פון גערעכטיקייט און ליבע.

(פון רוסיש — נאַדסאָן)

כוואַליעס און מענטשן

כוואַליעס קייקלען זיך
איינע נאָך די אַנדערע,
מיט שוים און מיט רויש.

מענטשן גייען דורך,
ווי ניט וויכטיקע מאַסן
איינע נאָך די אַנדערע.

כוואַליעס — זייער פרייהייט,
אין קאַלטקייט איז זיי ליבער,
ווי די זון־שטראַלן
אין אַ זוניקן טאָג.

מענטשן ווילן האָבן הערצער —
און וואָס?
זייערע הערצער
זיינען קעלטער,
ווי די כוואַליעס פון ים.

(פון רוסיש — לערמאָנטאָוו)

שטורעם

עס שטיקט!

אַן גליק און אָן פרייהייט.
די נאַכט אַזוי לאַנג . . .
אַ, שטורעם, אַנטפּלעק זיך!
דער בעכער איז פול
ביזן ברעג!

איבער די ברויזנדע כוואַליעס
גיב זיך אַ הויב!

איבער פעלדער
און וועלדער,
הויך גיב אַ הילך!

דער בעכער
פון מענטשלעכע ליידן
ביזן גרונט גיס אַרויס!

(פון רוסיש — ניקיטין)

שיינקייט

שיינע אויגן זיינען די,
וואָס ווייזן שיינע געדאַנקען.

שיינע ליפּן זיינען די,
וועלכע לאָזן אַרוים ווערטער,
וואָס שפּרינגען פון האַרצן,
ווי געזאַנג פון פויגלען.

שיינע הענט זיינען די,
וואָס טוען אַרבעט
ערלעך, מוטיק און מיט אמת.

(פון ענגליש)

דער פרילינג גייט

דער פרילינג גייט!
עס רופט, עס רייצט!
דאָס פרילינג קול
פון באַרג עס טראָגט זיך:
דער פרילינג גייט!

דאָס האַרץ — עס קלאַפּט.
און אויך פאַר מיר
דער פרילינג קומט!

און דער נאַכטיגאַל,
אין שטיל פון נאַכט,
טוט אויך פאַר מיר
זיך אין וואַלד צעגיסן:
דער פרילינג קומט!

דאָס האַרץ — עס קלאַפּט!
און דאָס ליד
רייסט זיך צום קלאַנג —
דער פרילינג גייט!
חלומות ברענגט!

פון דער ווייט וועט
מיין ליבסטער קומען, —
דער פרילינג גייט!

דאָס האַרץ — עס קלאַפּט!
און אויך פאַר מיר
דער פרילינג קומט!

(פון רוסיש)

אונדזערע אייניקלעך

די פרייד פון די באָבעס ווען אייניקלעך ווערן געבוירן — פאַר־וואָס? ווייל עס דערמאָנט זיי, ווען זיי אליין זיינען געווען יונגע מאַמעס. דאָס אוועקטראָגן זיך אין געדאַנק אין דער פאַרגאַנגענהייט און איבערלעבן נאָכאַמאָל דעם ציטער, די באַזונדערע ליבע פון אַ מאַמען צו אַ נאָר־וואָס געבוירענעם קינד — דאָס איז דער ענטפער פאַרוואָס די אייניקלעך זיינען אַזוי ליב די באָבעס.

דער וואונטש פון יידישע באָבעס איז, אַז די אייניקלעך זאָלן אויס־וואקסן פיזיש און גייסטיק געזונטע מענטשן און יידישע קינדער. זיי האָפן, די באָבעס, אַז דורך דער יידישער דערציאונגג זאָלן זיי זיין שטאַרק פאַרבונדן מיטן יידישן גורל; זיי זאָלן אינספּירירט ווערן צו טאָן וואָס עס איז נאָר מעגלעך פאַרן יידישן פאָלק בכלל און צוטראָגן זייער חלק צום אויפבוי פון מדינת ישראל; אַז זיי זאָלן זיין גוטע אַמע־ריקאַנער און העלפן אָפּהיטן די פרייהייט און די דעמאָקראַטישע פּרינ־ציפּן פון אונזער לאַנד און דאָס יידישע פאָלק וועט דורך דעם אויך אַ סך געווינען.

דער בלינדער בעטלער

איך האָב אים באַגעגנט יעדן פרימאָרגן, ווען איך בין געגאַנגען צו דער אַרבעט. אַ הויכער נעגער, פעסט געבויט, מיט צוויי אויסגע־לאָשענע אויגן, שפּאַנט ער לאַנגזאַם איבער דער אַכטער גאַס, פון איין עק גאַס צו דער צווייטער, טאַפּנדיק דעם וועג מיט אַ דיקן שטעקן אין איין האַנט און אין דער צווייטער האַנט האַלט ער אַ קעסטעלע, אין וועלכן די פאַרבייגייער וואַרפן אַריין קליינגעלט.

ער שפּאַנט מיט אַזאַ זיכערקייט און מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און פייפט זיך אונטער אַ ניגון — אַ מענטש, וואָס לעבט אין אַ פינצטע־רער וועלט, באַרויבט פון דעם גליק צו זען די ליכטיקע שיין, די זון. דער אויסדרוק אויף זיין פּנים רופט ניט אַרויס קיין רחמנות צו זיך — פאַרקערט: זיין גאַנצער וועזן דריקט אויס אַ שטאַרקן ווילן צום לעבן.

בלינד און אַ בעטלער — אָבער לעבן וויל ער, אַפילו אין אַ פינצטע־רער וועלט.

וואָס פאַר אַ כח דאָס לעבן פאַרמאָגט! . . .

די פרייד פון טיילן זיך

איינער פון די עטישע פרינציפן אין אונזער תורה איז: צדקה, גערעכטיקייט.

וואָס מער מען טראַכט זיך אריין אין די ווערטער, אַלץ גרעסער און טיפער ווערט זייער באַדייטונג.

צדקה מיינט אַן אַקט פון גערעכטיקייט, פון יושר; עס מיינט אַוועקגעבן אַ טייל פון דעם, וואָס מען פאַרמאָגט און זיך טיילן מיטן צווייטן. אַזאַ אַקט איז אַ הויכע שטופע פון מענטשלעכקייט; דורך אַזעלכע האַנדלונגען דערפילט מען זיך דערהויבן און מען ווערט אַ שענערער מענטש.

אַזוי ווי טיילן זיך מיטן צווייטן דערהויבט דעם מענטשן צו שיינ־קייט און עטיק, דאַרפן מיר זיין דאַנקבאַר די מענטשן, וועלכע מיר העלפן, ווייל זיי גיבן אונדז די מעגלעכקייט צו דערהויבן זיך צו אַ הויכער מדרגה פון מענטשלעכקייט.

לאָמיר זיך דערהויבן צו די עטישע פרינציפן פון אונזער תורה, וועלן מיר כשר פאַדינען די מתנה, וואָס הייסט גליק . . .

באַגריסונג צו דעם ל. א. קולטור-קלוב

עס איז זייער אַ דערפרייענדיקע דערשיינונג, וואָס אין אַ צייט פון די פינצטערסטע טעג אין אונדזער געשיכטע, האָט זיך דערעפנט דער לאָס אַנדזשעלעסער יידישער קולטור קלוב.

אין אַ צייט, ווען אונדזער פאָלק פון יענער זייט ים, אין אייראָפּע, גייט אונטער פיזיש און גייסטיק; אין אַ צייט, ווען מען וויל אונדז אָפּווישן פונעם פּנים פון דער ערד און אויסלעשן דאָס פייער פון יידישן גייסט — איז אַ פרייד, וואָס עס בליען און וואַקסן ביי אונדז יידישע קולטור-אינסטיטוציעס; דאָס גיט אונדז אַ סך כּוח און גלויבן, אַז מיר לעבן און וועלן ווייטער לעבן.

געניסנדיק פון דער רייכער פּראָגראַם ביי דעם דערעפענונג-יום טוב, האָב איך ביי זיך געטראַכט: מיר, דער עלטערער דור, בויט און שאַפט אין יידישן גייסט, מיר האַלטן אָן די יידישע טראַדיציעס און היטן, אַז דער פלאַם פון יידישקייט זאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן; אָבער נאָך אונדז? — וועט אונדזער יונגער יידישער דור אין אַמעריקע פאַר־זעצן, וועבן דעם פאָדעם ווייטער? וועט די יוגנט ניט פאַרשלונגען ווערן פון דער כוואַליע פון אַסימילאַציע? און וואָס פאַר אַ כּוח קאָן דאָס אָפּשטעלן?

איך גלויב, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ כּוח. עס איז פאַראַן דער קוואַל, פון וועלכן די יוגנט און אויך אַ סך פון דעם עלטערן דור, קאָנען שעפּן זייער אינספּיראַציע און אָנהאַלט. דער קוואַל איז: יידישע נאַציאָ־נאַלע זעלבסטשטענדיקייט אין דעם אייגענעם לאַנד ארץ ישראל. דאָס איז די איינציקע טרייסט. אונדזער חלום פון איבער צוויי טויזנט יאָר וועט מוזן פאַרווירקלעכט ווערן. עס וועט געשאַפן ווערן אַ גייסטיקע בריק צווישן ארץ ישראל מיט די יידן פון אַלע אַנדערע לענדער איבער דער גאַנצער וועלט און די גאָלדענע קייט וועט זיך קיינמאָל ניט אי־בעררייסן.

(1944)

קרבנות פון ראַדיקאַלער דערציאונג אויף דער יידישער גאַס

דער פרייער ראַדיקאַלער געדאַנק, ווי פילע אַנדערע געדאַנקען, זיינען געבוירן געוואָרן פון איינצלנע מענטשן, גרויסע גייסטער. זיי האָבן דעם געדאַנק, אָדער די אידייע, געבראַכט אויף דער ערד. מענטשן האָבן דעם ראַדיקאַלן געדאַנק אויפגעכאַפּט און געפּרוּווט אים צופּאַסן צום לעבן, אים פאַר אַ גלויבן געמאַכט, אַ מיסיע פאַר דער מענטשהייט, אַלס דער־ציאונג ווען פאַר אונדזער יונגן דור; אַ נייע דערציאונג, אַ פרייע (פריי פון אַלץ), וואָס האָט בארויבט דעם מענטשן פון סענטימענטן, פון דער אַלטער מאָראַל, פון יום טובים, טראַדיציעס, פּאַטעטיש־רעליגיעזן אויס־דרוק און אַנשטאָט דעם אַלעם — כמעט גאָרניט געגעבן דעם אינגערן דור. פעלט עס אים טאַקע אויס, זוכט ער און געפינט עס אין דער פרעמד. איך וויל דאָ געבן אַ לעבעדיקע אילוסטראַציע:

לעבן מיר, ביי דער מאַשין, אין שאַפּ, זיצט אַ יונגע יידישע פרוי, אַן אַמעריקאַנער געבוירענע. זי איז היפּש אינטעליגענט, עקסטרעם ראַ־דיקאַל. אירע עלטערן, ראַדיקאַלע, האָבן איר געגעבן אַ העכסט פרייע, ראַדיקאַלע דערציאונג. זי ווייסט, אַז זי איז א יידיש קינד, אָבער אירע קינדער יאָרן און אויך די שפּעטערדיקע יאָרן, האָט זי פאַרבראַכט צווישן ניט־יידישע מענטשן.

די לופט אין שאַפּ איז אָנגעזאַפּט מיט קריסטמעס־גייסט (די מערסטע אַרבעטער זיינען קריסטן). אַט דערהער איך אַ טאָן פון אַ קריסטמעס קעראָל. איך הויב אויף מיין קאָפּ און דערזע, אַז אידיט — אַזוי הייסט די יידיש־אַמעריקאַנער ראַדיקאַלקע — זינגט דאָס, און ווען זי האָט פאַר־ענדיקט, פרעגט זי מיך ווי עס געפעלט מיר די מוזיק פון דעם ליד, און צי דענק איך ניט, אַז די קריסטמעס קעראָלס זיינען פראַכטפול, שיין און האַרציק. איך שטים מיט איר איין און זי איז זייער צופרידן. אַ פּאָר מינוט שפּעטער זאָגט זי מיר, אַז יעדן קריסטמעס גייט זי אין קירכע צו הערן די קריסטמעס קעראָלס. איך האָב אַ שמייכל געטאָן. וואָס פאַר אַן איראָניע!

איך האָב איר באַלד געפרעגט צי זי איז אַמאָל געווען אין אַ יידי־שער סינאַגאָגע, און צי זי האָט ווען געהערט יידישע געזאַנגען, ווי צום

ביישפּיל: כּל־נדרי, אָדער אַנדערע ניגונים. זי האָט אויפגעהויבן אירע בלויע אויגן אויף מיר און אין אַ טאָן אין וועלכן עס האָט געקלונגען אַ מין שולדיקייט, געענטפערט: „ניין, קיינמאָל. אָבער כּל־נדרי האָב איך געהערט שפּילן צו קאָנצערטן."

אַ יידישע טאָכטער, ראַדיקאַל דערצויגן, און בענקט נאָך רעליגיעזן אויסדרוק, — גייט אין קירכע יעדן קריסטמעס צו קוויקן זיך מיט די קריסטמעס קעראָלס.

וואָס באַטייט דאָס?

מיינט דאָס ניט, אַז דער ראַדיקאַליזם האָט דער נשמה גאָרניט גע־געבן? מיינט עס, אַז כּדי צופרידנצושטעלן די נשמה דאַרף מען זוכן ערגעץ אַנדערש, אין פרעמדע לאַגערן?

עס איז שוין לאַנג צייט, אַז אונדזערע ראַדיקאַלע עלטערן זאָלן זיך ערנסט פאַרטראַכטן וועגן דעם וויכטיקן פּראָבלעם און אָננעמען אַן אַנ־דער שטעלונג צו דער דערציאונג פון אונדזער יונגן דור.

אונדזער יידישע יוגנט

די פּראָבלעם פון אונדזער יידישער יוגנט קאָן מען פאַרגלייכן צו דער פראַגע פון היילן אַ קראַנקן קערפּער. איידער מען געפינט אויס די רפואה, דאַרף מען צוערשט אונטערזוכן דעם קראַנקן, שטעלן אַ דיאַגנאָז און אויסגעפינען פון וואָס דער קראַנקער ליידט. דאָסזעלבע דאַרף אויך אָנגעווענדט ווערן בנוגע אונדזער יוגנט: מיר מוזן פאַר אַלעמען אויס־געפינען די אורזאַך פאַרוואָס אונדזער יוגנט גייט אַוועק פון אונדז.

מיין מיינונג איז: ערשטנס, דער יידישער אינפעריאָריטעט־קאָמפּ־לעקס; צווייטנס, אונדזערע מעטאָדן פון דערציאונג, און דריטנס, די שפּראַך־פּראָבלעם.

אַנטיסעמיטיזם איז איינער פון די גרונט־אורזאַכן, וואָס שאַפן אַן אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס ביי דער יידישער יוגנט, וועלכע שעמט זיך צו זיין אַ טייל פון אַ פאָלק, וואָס די וועלט האַסט און פאַרפאָלגט. די יוגנט וויל פון זיך אַראָפּוואַרפן דעם שאַנד־פלעק און דערווייטערט זיך דעריבער פון יידישקייט.

די יידישע יוגנט פייערט ניט די יידישע ימים טובים, רופט זיך ניט מיט קיין יידישע נעמען, קוויקט זיך מיט דער ליטעראַטור, מוזיק און קולטור פון פאַרשידענע פעלקער, אָבער ניט מיט אירע אייגענע קולטור־אוצרות.

אין קורצן: די יידישע יוגנט אונדזערע וויל אַרויס פון איר אייגע־נער הויט, ווייל זי איז ניט יידיש־באַוואוסטזיניק. אָט־דעם באַוואוסט־זיין דאַרף די יוגנט קריגן אין איר היים־סביבה, אין דער יידישער שולע — מאַכט ניט אויס וואָס פאַר אַ כאַראַקטער די שולע זאָל ניט טראָגן. דאָס וויסן וועגן זיך, וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און די צוקונפט אַלס יידיש פאָלק, וועט אויפהויבן ביי דער יוגנט די יידישע פערזענלעכקייט אַלס מענטש און ייד צווישן אַנדערע פעלקער. מיר דאַרפן זען, אַז אונדזער יוגנט זאָל זיך אָנהויבן פאַראינטערעסירן מיט דער יידישער קולטור, פון די אַלטע צייטן ביז היינט.

עס איז אַן אָנגענומענער פאַקט, אַז מען קאָן דערגרייכן די בעסטע רעזולטאַטן דורך לערנען אויף דער מוטער־שפּראַך. מיר ווייסן, אַז די מוטער־שפּראַך פון דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט איז ענגליש, מוזן מיר דעריבער באַקענען און דערנעענטערן אונדזער יידישע יוגנט צו אונדזערע קולטור־אוצרות אויף דער שפּראַך, וואָס זיי פאַרשטייען אַם־בעסטן. און אויב דאָס איז דער מיטל צו דערגרייכן דעם ציל — לאָמיר דאָס טאָן!

מיין אַנטוישונג

פון דעם ערשטן טאָג וואָס איך בין אריינגעקומען אין דעם לאַנד אַמעריקע; פון דעם מאָמענט, וואָס איך האָב דערפילט אונטער מיינע פיס דעם באָדן פון אַן ערד, וואָס איז מיר פרעמד — האָב איך דערפילט, אַז מיין לעבן איז איבערגעבראָכן געוואָרן.

איך האָב פאַרלאָזט דאָס לאַנד, וואו איך בין געבוירן געוואָרן, אויסגעוואקסן, געלערנט, אָנגעהויבן צו פּלאַנירן פאַר דער צוקונפט, געווען פול מיט טרוימען, ווי איך וועל בויען מיין לעבן — האָב איך איצטער, ביים אריינקומען קיין אַמעריקע, דערפילט אַ גרויסע אַנטוישונג.

אין אַלגעמיין איז דאָס לעבן פון אַן אימיגראַנט אין אַ נייעם לאַנד אַ צעבראָכענער; איך האָב די ניט-גאַנצקייט דערפילט נאָך שאַרפער ווי אַנדערע אימיגראַנטן.

די ערשטע עטלעכע יאָר אין אַמעריקע האָב איך געלעבט אין שטענדיקער בענקשאַפט נאָך דעם לאַנד פון מיין געבורט, רוסלאַנד, און נאָך מיין פאַרגאַנגענהייט. דאָס נייע לאַנד מיטן נייעם לעבנס-שטייגער האָט מיך ניט צוגעצויגן, ניט פאַרכאַפּט. עס האָט געבלאָזן אַזאַ קאַלטקייט, אַזאַ פרעמדקייט.

עס זיינען אַוועק פיר יאָר. דורך דער צייט האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַ קרייז פון רוסישע אימיגראַנטן — רוסן און אידן, וועלכע האָבן געאַרבעט לטובת דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און צו העלפן דעם רוסישן פאָלק ארונטערצוואַרפן די צאַרישע מאַכט. איך האָב מיטן גאַנצן פייער פון מיין נשמה זיך אריינגעוואָרפן אין דער באַפרייאונג-באַוועגונג פון רוסלאַנד.

נאָכדעם ווי איך האָב דאָ אָפּגעוואוינט פיר יאָר, האָב איך ענדלעך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן אַמעריקע און זיך צוריק באַזעצן אין רוסלאַנד. איך האָב געבויט גאָר געהויבענע פּלענער: ווי אַ געענדיקטע רוסישע לערערין, האָב איך געהאָפט צו ווידמען זיך צו לערנען מיט קינדער. איך בין אויך געווען גרייט צו דינען דעם אידעאַל פון באַפרייאונג ווי צו אַ גאָט.

ווען איך בין אָבער געקומען קיין רוסלאַנד, בין איך שטאַרק אַנטוישט געוואָרן. דעם דרוק און די פאַרפאָלגונגען אויף די יידן האָב איך ממש ניט געקאָנט איבערטראָגן, באַזונדערס איצט, נאָך דעם, ווי איך האָב געלעבט אין אַמעריקע, וואו דער ייד איז אַ גלייכבאַרעכטיקטער בירגער און קען געניסן פון אַלע פרייהייטן ווי יעדער איינער.

איך דערמאָן זיך אין איין אינצידענט, וואָס האָט מיך אין יענער צייט אינגאַנצן אויסגעניכטערט פון מיין פאַרשכורט זיין, פון דעם אָפּיום, וואָס האָט געהייסן: רוסישער פּאַטריאָטיזם. דער אינצידענט

איז געווען אַ פיינלעכער און איך האָב דערפון שטאַרק געליטן גייסטיק, אָבער דאָס האָט מיר געהאָלפן זיך אויסקורירן פון מיין רוסישן פּאַטריאָ־טיזם.

פּאַסירט האָט עס לעבן דער שטאָט טשערקאַס, די שטאָט פון וואַ־נען איך קום. אין דעם געגנט איז געווען אַ סאָסנאָווער וואַלד, וואו טו־בערקולאָז־קראַנקע פלעגן קומען פאַרן זומער און אַ דאַנק דעם האָבן זיי שפּעטער געקענט לעבן אין שטאָט אום ווינטער. דער וואַלד איז געווען אָפן פאַר יעדן איינעם, אָן דיסקרימינאַציעס. לעבן וואַלד איז געווען אַ דאָרף, וואו די קראַנקע פלעגן וואוינען, אָבער דעם טאָג האָבן זיי פאַרבראַכט אין וואַלד. האָבן יידן זיך געמעגט געפינען אין וואַלד, אָבער אין דאָרף האָבן זיי ניט געטאָרט וואוינען. איז וואָס־זשע טוט מען? פלעגן די יידן צוזאַמענקלייבן יעדן יאָר אַ גרויסע סומע געלט און עס דערלאַנגען דעם גובערנאַטאָר אַלס כאַבאַר, און מען פלעגט שוין דערלויבן די יידן צו וואוינען אין דאָרף דורך די זומער חדשים.

דעם זומער, ווען איך בין געקומען קיין רוסלאַנד, איז דער דע־מאָלטיקער גובערנאַטאָר געווען אַזאַ אַנטיסעמיט, אַז מ׳האָט אים ניט געקענט אונטערקויפן מיט קיין שום סומע געלט, און ער האָט ניט גע־וואָלט געבן די יידן די דערלויבעניש צו וואוינען דורכן זומער אין דאָרף.

איך געדענק, אַז יענעם ווינטער זיינען אַ סך קראַנקע יידן אויסגע־שטאָרבן אין שטאָט, ווייל זיי האָבן מער ניט געקענט געניסן פון דער פרישער וואַלד־לופט, וואָס האָט זיי אָנגעהאַלטן ביים געזונט.

אָט־דער טרויעריקער אינצידענט האָט מיך אויסגעניכטערט . . . אין יענע צייטן בין איך געווען ווייט פון יידישן נאַציאָנאַליזם און פון יידישער באַוואוסטזיניקייט, ווייל איך האָב געגלויבט, אַז די רעוואָלו־ציע וועט אַלעם פאַרענטפערן. ווי עס זעט אויס, האָב איך אָבער אומ־באַוואוסטזיניק רעוואָלטירט קעגן די פאַרפאָלגונגען אויף יידן. איך האָב דאָס ניט געקאָנט אַראָפּשלינגען; איך האָב זיך דערפילט טיף באַ־לייריקט און איך האָב באַשלאָסן, אַז איך קאָן מער ניט אַרבעטן פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע.

אַן אַנטוישטע, אַ גייסטיק־פאַרוואונדעטע און מיט אַ סך פראַגעס צו זיך אליין — ווי אַזוי איך זאָל ווייטער אָנגיין מיט מיין לעבן — האָב איך זיך צוריק אומגעקערט קיין אַמעריקע, וואָס סימבאָליזירט מיט זיך די ווערטער פון עמא לאַזארוס, וואָס זיינען אויסגעקריצט אויף דער פרייהייט־סטאַטוע:

„גיב מיר די מידע, די פאַרפאָלגטע,
וואָס זוכן צו אָטעמען פריי...״

זיי געהיט, מיין זון

די שעה האָט געשלאָגן, מיין זון מוז גיין אין מיליטער-דינסט. די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע איז אריין אין קריג.

מיט אַ שווערן געמיט האָב איך גרייט געמאַכט מיין זון אין וועג אריין. עס זיינען געקומען פריינט און משפחה זיך געזעגענען מיט אים; די שטימונג ביי אַלעמען איז געווען אַ געדריקטע, אָבער קיינער האָט עס ניט ארויסגעוויזן.

אויף מאָרגן, זיבן אינדערפרי, זיינען מיר, איך מיט מיין זון אלישע, שוין געווען אויף דער באַן-סטאַנציע, פון וואַנען די רעקרוטן זיינען צע-שיקט געוואָרן צו פאַרשידענע פונקטן. נאָך אַ פּאָר שעה וואַרטן, איז די באַן אָנגעקומען. עס איז געוואָרן זייער אומרואיק. מען האָט זיך אָנגעהויבן געזעגענען. די גרעסטע צאָל מענטשן זיינען געווען קריסטן — און קריסטן וויינען ניט אַזוי שטאַרק ווי יידן . . . זייענדיק אַ יידישע מאַמע, וואָלט איך, ביים געזעגענען זיך מיט מיין זון, געדאַרפט, נאַ-טירלעך, ארויסברעכן אין אַ גרויס געוויין, — עס איז אָבער אַזוי ניט גע-שען. איך בין געווען ווי פאַרשטיינערט, איך האָב מיין האַרץ איינ-געשמידט אין אייזן; עס האָט מיך געקאָסט אַ סך געזונט זיך איינ-צוהאַלטן און ניט ארויסברעכן אין אַ געוויין. איך האָב אָבער ניט גע-וויינט, ווייל איך האָב ניט געוואָלט ווי-טאָן מיין זון. איך האָב גע-וואָלט, אַז ער זאָל אַוועק פון מיר אַ מוטיקער, אַ שטאַרקער און צו קענען באַגעגענען דאָס נייע לעבן אָן שרעק.

מיינע אָפענע ליידן וואָלטן אים ווי געטאָן און צעבראָכן זיין גע-מיט — האָב איך אין זיך מיין געוויין דערשטיקט. איך האָב אים גע-טרייסט, דעם זון מיינעם, און אים געגעבן האָפענונג, אַז ער וועט אינ-גיכן קומען צוריק אַהיים אַ געזונטער. איך האָב געקושט און געדריקט זיינע ציטערנדיקע הענט צו מיין האַרצן.

„זיי געהיט, מיין זון," — זיינען געווען מיינע לעצטע ווערטער צו אים. די באַן האָט זיך אַ ריר געטאָן און אַוועק איז מיין זון זיך גרייטן פאַר דעם קריג. די געבליבענע אויף דער באַן-סטאַנציע, ווישנדיק זיך די אויגן, זיינען אַוועק יעדער אויף זיין וועג.

איך האָב אליין ארויסגעבאַגלייט מיין זון און אליין בין איך געבליבן נאָך דעם ווי ער איז פאַרשוואונדן פון מיינע אויגן. איך האָב טיף אָפּ-געזיפצט און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק; איך האָב שוין מער ניט

געקענט שטיין אויף מיינע פיס. מיינע טרערן, וואָס האָבן די גאַנצע צייט זיך געריסן פון מיינע אויגן, האָבן איצט מיט אַמאָל אַ פלייץ גע־טאָן אין אַ גרויסן שטראָם. איצטער, האָב איך געטראַכט, קאָן איך זיך שוין אויסוויינען . . . איך האָב צוביסלעכווייז זיך באַרואיקט און בין אַוועק אהיים.

אריינקומענדיק אין הויז אריין האָט אויף מיר אַ שלאָג געטאָן אַזאַ פוסטקייט, אַז מיין גאַנצער קערפּער האָט אויפגעציטערט. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט, ווי איך וואָלט געווען פּאַראַליזירט. אין מיין גע־דאַנק איז ווי אַ פּאַנאָראַמע דורכגעלאָפן דאָס גאַנצע לעבן פון מיין זון; אַ לעבן פון בלויז ניינצן יאָר. פאַר מיינע אויגן זיינען אויפגעשוואומען פאַרשידענע מאָמענטן אין זיין לעבן, זינט ער איז געווען נאָך אַ ברע־קעלע, און פון דער צייט ווען ער איז עלטער געוואָרן. פאַרשידענע צו־פאַלן — גוטע און שלעכטע, פריילעכע און טרויעריקע. שווער איז מיר געווען ביז איך האָב דערלעבט צו זען אים אַ ניינצן יאָריקן . . .

איך האָב אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן אין הויז, ווי איך וואָלט עפּעס געזוכט. מיינע אויגן זיינען געפאַלן אויף אַ ביכער-שראַנק. דורכן גלאָז האָט ארויסגעקוקט אַ ניט-פאַרענדיקטע פיגור פון בעטהאָווען — אַ סקולפּטור, וואָס מיין זון האָט געמאַכט. עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, ווי די פיגור וואָלט פרעגן: — „ווען וועט מען מיך פאַרענדיקן?"...

יאָ, אַלעם איבערגעריסן . . . ניט פאַרענדיקט . . . אין די סאַמע בליענדיקע יונגע יאָרן, ווען מען שטרעבט, מען האָפט אויף אַ צוקונפט — אַלעם האָט ער אָפּגעשטעלט און איז אַוועק אויף אַ לעבן פון ליידן און וואו עס הערשט דער טויט . . .

איך האָב אין דעם מאָמענט אַ טראַכט געטאָן וועגן די מיליאָנען מאַמעס פון דער גאַנצער וועלט, וועלכע פילן און טראַכטן וועגן זייערע זין פונקט ווי איך, און ווי איך וואָלט געהערט זייערע לעצטע ווערטער, דיזעלבע ווי מיינע: — „זיי געזונט, מיין זון!" . . .

זכרונות וועגן מיין זיידן

מיין זיידע האָט געוואוינט אין אַ דאָרף, נישט ווייט פון דער שטאָט, וואו מיין משפחה האָט געלעבט. ער פלעגט עטלעכע מאָל אַ יאָר קומען צו אונדז פאַרברענגען מיט דער משפחה.

איך קאָן נישט פאַרגעסן יענע ווינטער-אָוונטן, ווען מיר פלעגן זיך צוהערן צו די פאַנטאַסטישע געשיכטעס, וואָס דער זיידע פלעגט אונדז דערציילן. דאָס זיינען געווען מעשיות פון זיינע איבערלעבונגען אין מיליטער-דינסט. מיר, די אייניקלעך, פלעגן זיך ארומזעצן ארום זיידן ביי דעם אויוון, וואָס זיין פייער האָט אונדז באַלויכטן און געוואַרעמט. דעם זיידנס מעשיות זיינען געווען אַזוי אינטערעסאַנט און שרעקלעך, אַז מיר זיינען אַלע געזעסן ווי פאַרכישופט.

דער זיידע האָט געלעבט אין דער צייט ווען אין רוסלאַנד האָט גע-הערשט דער גרויזאַמער צאַר, ניקאָליי דער ערשטער. אין יענע צייטן האָט די צאַרישע מאַכט גענומען יונגע יינגלעך, וואָס זיינען געווען כמעט קינדער און זיי געשיקט אין דער ארמיי, וואו זיי האָבן געדאַרפט דינען פינף און צוואַנציק יאָר. די יידישע יינגלעך, וואָס האָבן נישט געוואָלט גיין דינען אין דער ארמיי, האָט מען געכאַפּט אין די גאַסן און אין די באַ-העלטענישן אין די הייזער און מיט געוואַלד זיי פאַרשיקט אין דער ארמיי.

מיין זיידע האָט זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אין דער ארמיי. נאָך זיין בר-מצווה האָט ער פאַרלאָזט די הויז פון טאַטע-מאַמע און איז אַוועק. די איינציקע זאַך, וואָס ער האָט מיטגענומען איז געווען אַ סידורל, וואָס ער האָט געהאַלטן אויסבאַהאַלטן פון זיינע ארמיי-עלצטע. דער זיידע האָט יעדן טאָג געזאָגט די תפילות, אַז קיינער ארום זאָל נישט הערן. דאָס, האָט ער אונדז געזאָגט, זיינען געווען די הייליקסטע מי-נוטן אין זיין שווערן און טרויעריקן לעבן.

